
חכ

# ם וסופר

אינטערוויו מיט'ן בארימטן היסטאריקער און ספרא רבא **הרב יוסף נחמי' הכהן קוואדראט שליט"א**, פון לאנדאן, מיט אינטערעסאנטע דעטאלן איבער זיין **רייכער קאריערע אלס חסידישער פארשער** און איבער די פלענער פון זיין אייגענעם **היסטאריע קובץ "קנקן"**

**הרב אליעזר ראזען**



מאמענט

שרייבער'ס פערספעקטיוו סעריע



די באבובער מגילת יוחסין



הרב קוואדראט מיט באבובער רב שליט"א



# דער חסידישער פארשער

**■ אויב איר קענט זיך פארשטעלן, ווער איז ר' יוסף נחמי' הכהן קוואדראט?**

איך בין געבוירן אין אנטווערפן שבת בראשית תש"מ – דעם זעלבן שבת וואס מ'האט געעפנט די באבוב'ער שטיבל אין שטאט. אלע זענען אנוועזנד געווען צו דער פריידיגער עפענונג, סיידן מיין פאטער וועלכער איז געווען פארנומען מיט זיין אייגענער שמחה.

כ'האב געלערנט אין סאטמארער חדר און דערנאך אין סאטמארער ישיבה אין שטאט. שפעטער בין איך געפארן לערנען קיין ישיבת באבוב אין לאנדאן. פאר א יאר צייט האב איך געלערנט אין ישיבת סלאנים אין בני ברק; אלס ערוואקסענער בחור האב איך געלערנט אין ישיבת נועם התורה, בהנהלת הרה"ג רבי מענדל שאפראן אין בני ברק, און דערנאך אין מתיבתא עץ חיים דבאבוב אין אמעריקע. איך בין א חתן געווארן קיין לאנדאן, וואו איך וואוין ביז'ן היינטיגן טאג. דאס איז בערך די מסכת אלה מסעי פון מיין יוגנט.

**■ פון וואו שטאמט דער נאמען און פאמיליע קוואדראט?**

ס'איז א גאליציאנער נאמען. אונזער פאמיליע קומט פון ווישניצא, א שטאט נעבן באכניע. עס האבן דארט משמש געווען ברבנות באקאנטע גדולי ישראל, ווי דער ברוך טעם, דער ארי' דבי עילאה, דער ערשטער באבובער רב זצ"ל און נאך. נאכ'ן ערשטן וועלט קריג האט זיך מיין זיידע געצויגן קיין אושפיצין.

די קוואדראטס זענען געווען חובבי ספרים, מ'טרעפט פיל דעם נאמען איינגעשריבן אלס פרענומעראנטן אין פריערדיגע ספרים. גענוי וויאזוי עס האט זיך אנגעהויבן דער נאמען קוואדראט איז מיר נישט באקאנט. אידן האבן אנגעהויבן באזעצן באכניע און די ארומיגע געגנט אין די פריע ת"ר יארן און די קוואדראט פאמיליע האט זיך מיט זיי אהינגעצויגן.

כ'ווייס אז עס איז פארהאן א שטאט אין דייטשלאנד וואס הייסט קוואדראט, עס מוז אבער נישט מיינען אז מיר שטאמען פון יענער שטאט. געווען אידן וואס האבן געגעבן לעצטע נעמען באזירט אויף שטעט אפילו זיי האבן נישט געהאט קיין שייכות מיט דער שטאט. דער מונדליכער טייטש פון קוואדראט, מיינט א פיר-עקיגע קעסטל.

אגב, מיין פאטער זז"ג איז אלס בחור געווען א מחנך אין קעמפ שלוה און דארט איז ערשינען וועכנטליך אן אויסגאבע וואס האט געהייסן "התלמיד", און ער איז געווען דער הויפט עורך, איז עס א שטיקל פאמיליע זאך צו מפיץ זיין און מוציא לאור זיין געשריבענע ווערק...

**■ ווען האט זיך אנגעהויבן אייער אינטערעסע אין פארש ארבעט און היסטאריע?**

היסטאריע האט מיר אלעמאל געצויגן אבער איך געדענק נישט א ספעציעלע נייגונג צו "פארשן" און נאכגיין היסטאריע אין מיין יוגנט, אבער אז איך קוק צוריק וועל איך יא טרעפן אז כ'האב געהאט א נטיה צו אויפפאסן זאכן און א כללות'דיגן נייגער נאכצוגיין אינטערעסאנטע ערשיינונגען.

איין קאמישע דוגמא: ווען איך האב געלערנט ביי הגאון רבי מענדל שאפראן, האבן מיר געהאט אין ישיבה א חשוב'ן איד, הרה"ג רבי מאטל בערנשטיין, וועלכער איז געווען דער פארמיטאג משגיח און אונטער זיין זייגער האט דער עולם געהארעוועט. ניטאמאל איז ער אנוועזנד געווען במשך דער גאנצער צייט אין ישיבה, נאר זיך געדרייט אריין און ארויס, דאך האט ער אומדירעקט געהאט א מורא'דיגע השפעה אז דער גאנצער עולם איז געזעסן און געלערנט פלייסיג.

ווידעראום נאכמיטאג איז געווען אן אנדערער משגיח, וואס האט גענומען דעם פאסטן פיל שטרענגער ווי ר' מאטל'ען, ער איז געזעסן א גאנצן סדר אין ביהמ"ד, גאר ביים טיר, מיט א שטענדער און א גרויסע גמרא און זיך אומגעקוקט ימין ושמאל ווי פון א קאנטראל

טורעם, און ס'האט נישט געארבעט. דער עולם האט ווייט נישט געלערנט ווי פארמיטאג.

איין טאג טרעף איך א חבר וואס האט געלערנט אין ישיבת טשעבין, שמועסנדיג, דערציייל איך אים דעם חילוק בין משגיח למשגיח ובין פארמיטאג לנאכמיטאג ביי אונז אין ישיבה, און די מאדנע ערשיינונג ווי דוקא דער משגיח וואס קוקט נישט אזויפיל נאך און איז ניטאמאל אויפ'ן פלאץ די גאנצע צייט האט פיל א בעסערן קאנטראל.

דערציילט ער מיר, אז ביי זיין אין ישיבה איז פונקט פארקערט. דער פארמיטאג סדר איז איי איי איי און דוקא נאכמיטאג זיצט דער עולם און לערנט פלייסיג. ס'איז מיר געווען זייער מאדנע די גאנצע זאך, האב איך באשלאסן אז איך גיי אנפרעגן רבי מאטל'ען אליין...

ווי א טיפישער ירושלימער וואס האט נישט מורא צו רעדן פון זיך מיט א ברייטקייט, האט ער מיר געגעבן צו ערקלערן ווי פאלגנד: אן אלגעמיינער משגיח וויל אז ווען ער איז אויפ'ן ארט זאלן די בחורים לערנען, פשוט פאר'ן סוקסעס פון דער ישיבה. "איך בין א געלערנטער משגיח," האט ער אויסגעפירט, "איך וויל דו זאלסט לערנען בכדי דו זאלסט אויסוואקסן אן ערליכער יונגערמאן, נישט בלויז זיין ערליך און לערנען ווען דו ביסט אונטער מיין השגחה, האט עס אויטאמאטיש א שטערקערע השפעה..."

האט איר איין ביישפיל ווי כ'האב געזען צוויי קעגנגעזעצטע זאכן און כ'האב געוואלט דערגיין דעם שורש פון דער זאך...

**■ אייער ערשטע געשריבענע ווערק?**

ווען איך האב געלערנט אין מתיבתא עץ חיים, האט דער רב זאל זיין געזונט (דער רב זכרונו לברכה האט נאך דאן געלעבט; מ'האט גערופן דעם רב "רבי בן ציון דעם רב'ס") געגעבן וועכנטליך א שיעור אין אגרא דכלה. ס'איז געווען זייער א שיין חסידישער שמועס און איך פלעג זיך עס פארשרייבן פאר מיר פריוואט.

ביי איין געלעגנהייט האב איך געגעבן מיינע פארשריבענע כתבים פאר א קוזין מיינער, דאן א יונגערמאנטשיק, און דערנאך פאר נאך עטליכע יונגעלייט און זיי האבן עס שטארק באוואונדערט. איך האב מתחילה געמיינט אז כ'האב געשריבן אבי געזונט, אבער למעשה, צוריקקוקנדיג זע איך אז מ'האט שוין דעמאלט געזען עפעס אין מיין שרייב ווערק.

**■ און וואס זענען געווען אייער ערשטע פארעפנטליכע ווערק פאר'ן פאבליק?**

אלס יונגערמאן האב איך מתחילה אנגעהויבן מאכן גראפיקס. מיין אמט אלס גראפיקער האט מיך וווינטועל אריינגעשלעפט צו מיין ערשטע פארש ארבעט אין היסטאריע אומגעפער אין יאר תשס"ו. מעשה שהיה כך היה.

אין באבוב איז באקאנט דער "מגילת יוחסין" וואס דערציילט דעם יחוס לבית באבוב און דער אריגינעלער דאקומענט קומט איינגעפאסט אין א שיינעם האנט-געמאלענעם ראם, וואס אנגעבליך האט עס דער קדושת ציון אליין געמאלן זייענדיג באשאנקען מיט גאלדענע הענט.

אלס גראפיקער האב איך ביי א געלעגנהייט געוואלט אביסל צופיצן דעם "פרעים" און דאס פארשענערן פון א גראפיקער'ס שטאנדפונקט. זיצנדיג איבער דעם מגילת יוחסין האב איך שוין אריינגעקוקט אין זיין אינהאלט און די ווערטער האבן אנגעהויבן טאנצן פאר מיינע אויגן.

אז כ'האב מיך שוין אנגעהויבן פאראינטערעסירן בין איך אנגעקומען צו אנדערע מגילות יוחסין'ס וואס האבן געהאט הוספות צו די אריגינעלע, און אזוי בין איך אריינגעקראכן אין דער סוגיא און שנעל קענונגעלערנט אז לא הרי זה כהרי זה, יעדער מגילת יוחסין האט זיך זיין ווערסיע און זיין גאנג און עס זענען דא סתירות און חילוקים פון איינס צום צווייטן.

צום ביישפיל, דער מגילת יוחסין שרייבט אז דער הייליגער צאנזער רב זי"ע האט געצויגן דעם יחוס בן אחר בן ביז צו רבי זאב וואלף זצ"ל, אב"ד הילדסהיים. אין ספר "רבינו הקדוש מצאנז" שטייט א הוספה אז דער פאטער פון רבי זאב וואלף האט געהייסן רבי דוד. האב איך אויפגעפאסט אז נישט אלע שרייבן די זעלבע און עס זענען דא הוספות, האב איך אנגעהויבן זוכן נאך.

**■ איר זענט באקאנט פאר'ן אהערשטעלן א נייע אויסגעברייטערטע "מגילת יוחסין" פון כ"ק אדמו"ר מבאבוב שליט"א. וויאזוי איז דאס צושטאנד געקומען?**

נאכ'ן זוכן און פארשן, האב איך וווינטועל צוזאמגעזאמלט אן אוצר רב ארום דעם באבובער מגילת יוחסין וואס האט אנטהאלטן פרישע עטליכע טויזנט נעמען. ס'האט מיר אויסגעזען ווי גאנץ אן אינטערעסאנטע ווערק אבער כ'האב עס נישט געהאט אין פלאן צו פארעפנטליכן און ס'איז געבליבן ביי מיר אין קאמפיוטער.

שפעטער האט מיין קוזין, הרה"ג רבי בנציון קוואדראט, פארגעשלאגן אז מען זאל איבערארבעטן און אהערשטעלן א נייערע ווערסיע פון דעם באבובער מגילת יוחסין. דעמאלט האב איך איבערגעקוקט מיינע געפינסן און געזען אז ס'איז זייער שיין און וואיל אבער ס'שטימט נישט, ס'איז דא צופיל נייע נעמען און די פרישע אינפארמאציע דארף דורכגיין א גרינטליכע איבערזיכט.

אינה ה' לידי, דער קובץ צפונות פון הרב קונסטליכער, וואו כ'האב געטראפן א מאמר פון הרה"צ רבי שלמה ענגלראד שליט"א, דער ראדזינער רבי פון ארץ ישראל, וועלכער האט געשריבן אזא סארט מפתח צו דער סוגיא פון יחוס, נעמליך ווער ס'איז טרויבאר, אויף וועלכע ספרים און מגילות יוחסין מ'קען זיך יא אדער נישט פארלאזן און ווער ס'איז אומקראנט און גרייזיג.

באזירט אויף זיין ליסטע, האב איך איבערגעארבעט מיינע געפינסן. מ'האט טאקע געדרוקט די נייע מגילת יוחסין פון באבובער רב שליט"א אין יאר תשס"ט און ס'האט געגעבן א קלונג אפ איבער דער גאנצער וועלט און האט מיך פארוואנדלט פון א גרינער ביז צו אן אפיציעלן חוקר און עמטליכן אדרעס איבער אלעס ארום יחוס.

למעשה, איך אליין האב מיך שוין פיל אויסגעשארפט אין דעם פעלד. היינט ווייס איך שוין קיינעם נישט צו טרויען בלינדערהייט, אפילו מיך אליין געטרוי איך נישט... אז א זאך זאל קענען באשטעטיגט ווערן מוז עס האבן א מקור און לויט מיין ערפארונג האב איך אהערגעשטעלט א קראנטע מגילת יוחסין.

**■ וואס קען אנגעצייכנט ווערן ווי א קראנטער מקור צו בויען דערויף?**

ווי נענטער מ'איז קרוב אל המקור, אלץ קראנטער. ווען איינער שרייבט יחוס פון צענדליגער צי הונדערטער יארן פריער, איז עס געוויינליך א שוואכער מקור. איך זוך אלעמאל דעם ערשטן מקור, צי איינער וואס האט געקענט דעם מענטש צי דער רב אליין שרייבט זיין יחוס וכדו'. בכלל קען מען זען ווען איינער ווייסט וואס ער רעדט און ס'איז איתמחי גברא וקמיע און צי איינער איז געשלאגן מיט טעותים. כ'האב למעשה שוין אסאך גדארפט מעקן, צולייגן און אראפנעמען פון מיין מגילת יוחסין ביז איך בין פארבליבן מיט סולת נקיה, ווי אויך שרייב איך אלעס מיט'ן אריגינעלן מקור אז מ'זאל קענען נאכקוקן און וויסן מבטן מי יצא הדברים האלו.

**■ האט איר פערזענליך אן אינטערעסע אין יחוס?**

איך האב א פערזענליכע הנאה אין נאכגיין מיין אייגענעם יחוס, אבער לאו דוקא דער עצם טעמע פון יחוס. יעדער איינער דארף פארשן און וויסן כאטש פיר דורות פון אלע זייטן – דאס איז נישט יחוס פון יחסנים נאר פשוט וויסן "ווער בין איך", אויב איז עס נישט אינטערעסאנט טו עס כאטש פאר די קינדער וועגן.

מיין הנאה איז פון לעזן ספיקות, אין שמחה כהתרת הספיקות. יחוס, ווי יעדע זאך, איז א געפיל זאך. ס'איז דא מענטשן וואס יחוס איז

זייער גאנצע לעבן, זיי לעבן אין יחוס און ווען זיי רעדן איבער יחוס קען איך אפילו נישט אלעמאל האלטן קאפ... לעומת זה זענען דא גרויסע יחסנים וואס די גאנצע נושא רעדט נישט צו זיי.

כ'וואלט נישט געזאגט אז ס'איז מיר די אינטערעסאנטסטע טעמע אבער יא נאנט צום הארצן. די סיבה איז פשוט: זייער אסאך במחנינו בעבר ובהוה האבן געשריבן זאכן אן אנגעבן מקורות; ס'איז אין טייל אביסל אזא עגאאיסטישע נייגונג ווען מענטשן ווילן מ'זאל זיי מייחס זיין אלס דער אדרעס פאר דער ספעציפישער שטיקל אינפארמאציע.

אנדערע האבן געשריבן שטותים און לאקשן, נישט בלויז היינט נאר נאך פאר הונדערט יאר צוריק און מ'זעט קלאר אז ס'איז א ליצנות, אבער אז מ'ווייסט נישט ברענגט מען זיי נאך, און אפילו איך פלעג מעתיק זיין פון די פלעצער בראשית דרכי... אז מ'קען אויסריינען די טעמע און ברענגען קראנטע און קלארע אינפארמאציע איז עס א וויכטיגע ארבעט.

**■ רבי אלימלך האט ממאס געווען אין יחסנים. איז עס בכלל א וויכטיגע טעמע?**

אין א וועג יא. ס'איז געווען א קריג און פיל איז פארגעסן געווארן און אפילו די עלטערע אידן וואס האבן יא איבערגעלעבט האבן נישט אלע גערעדט און פיל האבן אליין נישט געוואוסט קיין סאך. כ'האב אמאל געפרעגט מיין קרובה צי זי האט געקענט א געוויסער עלטער מומע, האט זי מיך אנגעקוקט ווי פון דער לבנה. זיי האבן געוואוינט אין אן אנדער שטאט און וויאזוי האט מען זיך געזאלט קענען.

יחוס איז א וועג וויאזוי זיך צו דערגרינטעווען צו דער פארגאנגענהייט. ס'איז א פענסטערל אריין צום אמאל. סתם נאכגיין אז משה איז א זון פון ישראל און ישראל א זון פון גמליאל קען זיין לאנגווייליג און טרוקן, אבער אז מ'ברייטערט עס אויס פארבלייבט עס נישט בלויז טריקענע יחוס רעכל בן מעכל נאר עס דעקט גאנצע קאפיטלען געשיכטע. ווען איך שרייב א מגילת יוחסין וועל איך צוליגן ארומיגע דעטאלן, דער נאמען פון דער שטאט וואו דער איד האט געוואוינט, ווען איז ער געבוירן און ווען איז ער געשטארבן, אזוי ארום איז עס נישט בלויז א נאמען אויפ'ן יחוס בוים נאר עס דעקט א געוויסע תקופה און גיט דעם עולם שנה און נפש פון יענער עפאכע באזירט ארום דעם מענטש.

**■ א טעות וואס מענטשן מאכן ווען עס קומט צו יחוס?**

מענטשן מיינען ס'איז געווען אמאל אזא מציאות ווי א מגילת יוחסין ארויף גענוי ביז רש"י הקדוש און פון דארט ווייטער ביז דוד המלך און עס איז פארלוירן געגאנגען ביים קריג. ס'איז קיינמאל נישט געווען אזא זאך. א מגילת יוחסין האט זיך געצויגן ביז אפשר זיבן אכט דורות ארויף, דערנאך איז געשטאנען ווערטער ווי "מיוחס עד דוד המלך עליו השלום". פון רש"י ארויף ביז דוד המלך ווייסט מען אויך נישט גענוי און עס פעלט די אינפארמאציע פון גאנצע דורות.



# ביים פארש טישל

**■ יחוס איז איין פעלד אין היסטאריע, וויאזוי זענט איר אנגעקומען צו אנדערע טעמעס אין פארש ארבעט?**

יחוס איז איין אספעקט פון דער פארגאנגענהייט און נאטירליך לויפט עס געקניפט און געבינדן מיט דער כללות'דיגער טעמע פון היסטאריע.

דאס האב איך מיך זייער שנעל איבערגעצייגט אויף דער אייגענער האנט, ווי זוכנדיג איבער יחוס האב איך זיך אנגעטראפן אין ספרים צי אין געשריבענע תולדות פון צדיקים און גדולי ישראל מיט גאר אסאך אינטערעסאנטע סיפורים און היסטארישע געשיכטעס און עפיזאדן וואס זענען נישט היינט באקאנט, אבער לייענענדיג דערוועגן שיינט ווי אין דער פארגאנגענהייט האט יעדער געוואוסט דערפון און ס'איז נאר פארגעסן געווארן ברבות הימים.

א ביישפיל איז די געשיכטע פון "די גאלדענע רויזא" וואס כ'האב געשריבן (שערי ציון, תשע"ג), וואס היינט ווייסט קיינער נישט דערפון, אבער אמאל האט יעדער געוואוסט דערפון. פון וואו ווייס איך? ווייל דאס איז געווען פון די איינציגסטע קברים ווי אידן זענען אמאל געגאנגען מתפלל זיין.

אמאל איז מען בכלל נישט אזויפיל געלאפן צו קברים ווי היינט. איין עפיזאד וואס אילוסטרירט דעם פאקט, איז וואס ווערט דערציילט ווי דער הייליגער צאנזער רב זי"ע האט געוואלט גיין צו זיין טאטנ'ס קבר אין פשעמישל, האט מען אים גע'טענה'ט אז עס שטייט אז טאמער מ'איז שוין נישט געווען זיבן יאר ביי א קבר זאל מען נישט קומען. האט דער צאנזער רב געענטפערט, אז די ריכטיגע גירסא איז צען יאר. עכ"פ זיבן יאר איז ער זיכער נישט געגאנגען צו זיין טאטנ'ס קבר...

פשט איז, מתפלל זיין ביי קברים איז געווען א זעלטנהייט און דארט וואו מ'איז געגאנגען איז עס געווען שטארק מערקבאר און האט געהאט א באדייט. פון די איינצלנע קברים ווי דאס פוילישע אידנטום פלעגט זיך משתטח זיין איז געווען ביים קבר פון רמ"א און קראקע; און די אידן אין לעמבערג מיט 150 יאר צוריק פלעגן גיין דאווענען צום קבר פון די גאלדענע רויזא.

ווער איז געווען די גאלדענע רויזא? אין לעמבערג איז געשטאנע א שול באקאנט אלס די "גאלדענע רויזא שול", אויך באקאנט אלס "די טורי זהב" שול. די שול איז א היסטאריע פאר זיך, אבער פון די מייסדים זענען געווען משפחת שרענצילס, און די גאלדענע רויזא איז געווען די פרוי פון ר' נחמן שרענצילס. נאך זיין פריצייטיגער פטירה, האט זי איבערגענומען זיינע געשעפטן און האט אויך געהאנדלט מיט פילע שרים און גע'שתדל'ט פאר אידנ'ס וועגן. איינמאל האט איר א שר געוואלט שטרויכלען מיט אן עבירה איז זי ארויסגעשפרינגען פון פענסטער און אומגעקומען אויפ'ן ארט. איר ציון איז געווען א פלאץ וואו די לעמבערגער פרויען פלעגן פיל קומען מתפלל זיין און אויסבעטן ישועות.

**■ פארוואס זענט איר א פארשער און איך נישט, דהיינו, פון וועלכן חלק אין זעל קומט דער אינטערעסע?**

ס'קומט קלאר פון נייגעריקייט, און אויך פון א געוויסע סקעפטיציזם פון נישט אננעמען זאכן אזוי ווי ס'שטייט און גייט און זיך באגנוגן מיט דעם אויבערפלעכליכן בילד פון דער זאך, נאר אנקומען צו דעם שורש. יעדער שרייבער מוז האבן א געוויסע נייגעריקייט.

**■ איך האב א שטארקן נייגער, אבער אויפ'ן הווה...**

דאס איז טאקע "מאמענט", באזירט שטארק אויפ'ן הווה. איך בין נייגעריג אויפ'ן עבר. אויף מיר זאגט מען אז איך בין געבוירן אין די ת"ק יארן; איך קען די טויטע בעסער ווי די לעבעדיגע...

**■ כ'האב אמאל געהערט א ווערטל אז די חוקרים אין 200 יאר וועלן שרייבן אז דער גאלאנטער רב וועלכער איז געווען פון די גדולי הרבנים אין התאחדות הרבנים האט נישט געוואלט איבערלאזן די שטאט גאלאנטע ביי דער צווייטער וועלט קריג... ס'וועט זיי בלויז פעלן א זיבעציג יאר... איז מיין שאלה, אין היסטאריע קען מען בכלל וויסן זאכן מיט א זיכערקייט אדער איז אלעס בעיקר טעאריעס?**

אוודאי איז היסטאריע אין טייל א זיכער פעלד, און ס'זענען דא פאקטן און באווייזן וואס מ'קען נישט אפפרעגן. גאנצעטע קאפיטלען זענען פארשריבן און איבערגעגעבן מדור דור און עס איז נישט שייך צו צווייפלען אין זיי.

וואס יא, עס איז ווי א צאמגעשטעלטע פאזל און צומאל פעלן געוויסע שטיקלעך. אדער לאזט מען זיך זוכן די פעלנדע שטיקלעך, אדער נוצט מען דעם אייגענעם שכל צו פרובירן ערגענצן דעם פאזל און ברבות הימים קען צוקומען פרישע אינפארמאציע, וואס אמאל קען מען באשטעטיגן די אייגענע טעאריע און אמאל זעט מען אז מ'האט געגרייזט.

עס קען זיך אמאל מאכן א דילעמע ווען א גדול בישראל שרייבט עפעס, אבער דער היסטאריקער איז איבערצייגט אז ווען ער וואלט געהאט אלע אינפארמאציע וואס איז היינט דא וואלט ער נישט אזוי געשריבן. צום ביישפיל, ס'איז געווען א גדול, ער האט געהייסן רבי חיים נתן דעמביצער, ער איז געווען ראב"ד אין קראקע און געשריבן אסאך ספרים, דארונטער "כלילת יופי" וואס באשטייט פון די תולדות פון רבנים אין לעמבערג. שרייבט ער דארט אז איינער פון די רבנים פון לעמבערג, רבי שמחה, איז אוועק אין יאר תע"ח. ער באזירט די אינפארמאציע ווייל ער האט געטראפן א גדול וואס האט מספיד געווען סיי דעם רבי שמחה און סיי דעם חכם צבי אין איין הספד, אבער יענער דערמאנט דעם חכם צבי, וועלכער איז אוועק אין יאר תע"ח, איידער ער דערמאנט דעם רבי שמחה.

דאס ווייסט מען זיכער אז רבי שמחה איז אוועק אום אב, אבער אנדערש ווי מ'האט געמיינט אז עס איז געווען אין יאר תע"ז שטופט ער עס אפ מיט א יאר, צו אב תע"ח. מיט די יארן האט מען אפילו געטוישט דעם נוסח אויף דער מציבה צו אב תע"ח באזירט אויפ'ן כלילת יופי.

למעשה זענען היינט דא אנדערע מקורות וואס דער בעל כלילת יופי האט נישט געהאט. ס'איז דא אן אייניקל געבוירן אין יאר תע"ז וואס האט שוין געטראגן דעם נאמען שמחה. אויך איז דא א הספד פון רבי שמשון ווינער געזאגט אום חשוון תע"ח אויף רבי שמחה, מוז זיין אז ער איז אוועק אום תע"ז און ס'איז קלאר אז ווען דער כלילת יופי וואלט געהאט די אלע אינפארמאציע וואלט ער געטוישט.

**■ אייערע ארטיקלען אין שערי ציון איבער חסידישער היסטאריע והמסתעף זענען ברייט באקאנט, וויאזוי האט זיך דאס אנגעהויבן און וואס איז געווען אייער ערשטער ארטיקל?**

ס'האט זיך אנגעהויבן ווען ר' אברהם זיגער פון מכון נצח יעקב, וואס גיט זיך אפ מיט'ן דרוקן די ספרים פון קרעמניצער מגיד, האט מיך געבעטן איך זאל צוזאמשטעלן די תולדות פונעם מגיד זצ"ל.

למעשה איז נישט פארבליבן צופיל דאקומענטירט ארום דעם ספעציפישן גאון, האב איך אים געזאגט אז איך וועל אויסברייטערן מיין מחקר אויך ארום דער עצם שטאט "קרעמניץ" און די גדולי ישראל וואס האבן דארט משמש געווען ברבנות, דארונטער איז געווען הגאון רבי שמשון זצ"ל אב"ד קרעמניץ, וועלכער איז געווען א פלימעניק פון הייליגן מהר"ל זי"ע און דער זיידע פון הגה"ק רבי שמשון אסטראפאלער זי"ע.

אז כ'האב צונויפגעקליבן אינפארמאציע ארום






קרעמניץ, בין איך אונטערוועגנס אנגעקומען צו הגאון רבי שמשון זוואלין זצ"ל, אויף וועמען דער חוזה זי"ע האט עדות געזאגט אז ער איז אן אייניקל פון רבי שמשון אסטראפאלער, וועלכער איז געווען אן אייניקל פון רבי שמשון מקרעניץ, ווי פריערדערמאנט. רבי שמשון פון זוואלין, איז א גאלדענע קייט אין די באבובער מכון יוחסין, ווייל דער קדושת ציון איז געווען אן איידעם ביי הרה"ק רבי שלום אליעזר'ל מראצפערט זי"ע, וועמענ'ס מאמע (די דריטע רביצין פון הייליגן צאנזער רב זי"ע) איז געווען א טאכטער פון רבי הערשעלע טורנער זצ"ל, א זון פון הרה"ק רבי מרדכי דוד מדאמבראווע זצ"ל; דער רבי הערשעלע טורנער'ס שווער איז געווען הגאון רבי שמשון פון זוואלין.

אז איך בין אנגעקומען צו דעם רבי שמשון האב איך אנגעהויבן נאכקוקן זיין היסטאריע, כ'האב באקומען דאקומענטן און מאגאזינען פון דער שטאט זוואלין. ס'האט זיך ארויסגעשטעלט אז ער האט געהייסן צוקער, ער איז געווען א תלמיד פון הייליגן יוד הקדוש זי"ע און כ'האב צוזאמגעשטעלט א גאנצע ביאגראפיע ארום דעם צדיק.

כ'האב עס געשיקט צו מכון נצח יעקב, און ס'איז דורך א שטיק צייט און זיי האבן עס נישט געדרוקט. אנשטאט עס זאל זיצן און זאמלען שטויב האב איך עס געשיקט צו שערי ציון. זיי האבן געזאגט זיי ווילן עס דרוקן, אבער איך דארף עס איבערשרייבן אין אידיש. וכך הוה, כ'האב עס איבערגעשריבן און זיי האבן דאס אפגעדרוקט אום אדר תשע"א.

די ביאגראפיע האט געהאט א געוואלדיגן אפקלאנג. ווי הגה"צ רבי חיים יעקב רובין, אב"ד ציעשנוב, האט מיר שפעטער געזאגט, האט עס גענומען א בלויזן "נאמען" אין באבובער רב'ס מגילת יוחסין וואס האט פארנומען איין שורה, הגאון רבי שמשון אב"ד זוואלין, פון וועמען מ'האט גארנישט געוואוסט, און ס'האט געעפנט א גאנצן טויער, פלוצלינג ווייסט מען גענוי ווער דאס איז געווען.

נאך דעם שטארקן אפקלאנג, האבן מיר די עורכים פון שערי ציון געבעטן איך זאל שרייבן נאך אן ארטיקל און אזוי איז עס געלאפן ווייטער.

**■ האט איר צוריקגעהערט פון כ"ק אדמו"ר מבאבוב שליט"א איבער אייער ווערק?**

זיכער.

נאכ'ן דערמאנטן ארטיקל אויף הגאון רבי שמשון זוואלינער זצ"ל האב איך געשריבן ארום דער היסטאריע פון גאון הדורות דער חכם צבי זצ"ל. אין ארץ ישראל איז פארהאן א בארימטער חוקר, הרב נפתלי אהרן וועקשטיין, א גרויסער







תלמיד חכם און ידען, ער שרייבט היסטאריע און יחוס אין המודיע. ער האט מיר געזאגט א שטיק צייט בעפאר אז ער וויל דורכטון די געשיכטע פונעם חכם צבי, האב איך אויך אנגעהויבן טון דערין.

כ'האב גענומען אלע תשובות פונעם חכם צבי און די ספרים פון זיין זון רבי יעקב עמדין זצ"ל און געמאכט א כראנאלאגיע וואו ער איז אלץ געפארן אין זיין לעבן. ס'האט זיך אויסגעשטעלט א מורא'דיג אינטערעסאנט בילד, ווי דער גדול הדור האט געדארפט וואנדערן הין און צוריק און האט געהאט אזא פארנומענע רייזע סקעדזשועל איבער גאנץ אייראפע.

שרייבנדיג איבער'ן חכם צבי האב איך אויך מסדר געווען די פילצאליגע וואס פאררעכענען זיך אלס קינדער פון הייליגן חכם צבי, ס'האט זיך אנגעזאמלט א ליסטע פון 29 נעמען וואס פאררעכענען זיך אלס קינדער, וואס איז געוויס א גוזמא'דיגער נומער. פון די האב איך נאכגעפארשט וואס איז קראנט און וואס איז גרייזיג און לבסוף דערוועלט 16 נעמען וואס זענען יא באשטעטיגט אלס קינדער פון חכם צבי דורך צוויי ווייבער. פון זיין ערשטער פרוי האט ער נאר געהאט איין בת יחידה, וואס איז נעבעך אומגעקומען פון א קאנאן ה"י. 15 קינדער האט ער געהאט פון זיין צווייטן זיווג.

דעם נאכפאלגנדן פסח ביים טאנצן ביי נעילת החג, האט דער רב שליט"א צוגערופן דעם הויפט עורך פון שערי ציון הרב ישעי' ציטראנענבוים און געזאגט, "דער יוסף נחמיה קוואדראט שרייבט גוט, מאכט זיכער אז אין יעדן שערי ציון האט ער אן ארטיקל." דאס נעקסטע מאל איך בין געווען אין באבוב, האט מיר דער רב געזאגט, "פאר דיר קען מען ווינטשן א גאנצן יאר א כתיבה וחתימה טובה."

**■ וואס איז אייער עיקר באשעפטיגונג כהיום?**

אין גרויס טייל איז עס פארשן יחוס פאר פארשידענע פאמיליעס און צווועקן, ווי אויך נאכגיין אידישע היסטאריע און וויאזוי מנהגים האבן זיך אנטוויקלט.

אויך גלייך איך נאכצופארשן אינטערעסאנטע הלכות. לדוגמא, איך בין אצינד עוסק אין דער סוגיא פון זמנים. איך הויב אן פון אנהויב, ויהי ערב ויהי בוקר. עס איז נאכנישט געווען קיין זון און שוין זענען געווען גרעניצן ווען איז טאג און ווען איז נאכט. זעט מען אז טאג און נאכט זענען תלוי אין "אור", ליכטיגקייט, נישט אין דער זון. איי, וויאזוי איז טאקע געווען ליכטיגקייט; האסט א תירוץ דערויף?

כ'האב געשריבן איבער דעם מנהג וואס שטייט אין שלחן ערוך צו עסן מילכיגס אום שבועות. כ'בין עס נאכגעגאנגען און אנטפלעקט אז דער מקור פון דעם מנהג איז גאר אז שבועות פלעגט זיין דער מנהג צו חדר פירן די יונגלעך און דערביי האט מען געגעבן א מילכיגע קוכן.

אין געפלאנטן "קנקן" זשורנאל וועט טאקע פארעפנטליכט ווערן פארשידענע הלכה'דיגע טעמעס. כ'גלייך צוריקצוגיין צום מקור, טרעפן דעם שורש און מקור פון וואס זאכן האבן זיך אנטוויקלט.

**■ אן אינטערעסאנטע זאך וואס איר האט אנטדעקט אלס חוקר?**

כ'בין אויפגעקומען מיט אן אינטערעסאנטן פאקט, אז אמאל האט מען נישט געגעבן צוויי נעמען ביים ברית און טאמער טרעפט מען איינעם מיט צוויי נעמען מיינט דאס אז מ'האט אים שפעטער צוגעגעבן א נאמען אלס חולה. דער איינער פאקט האט געלעזט צענדליגער ספיקות און פראבלעמען אין יחוס.

כ'וועל אייך געבן אן אינטערעסאנטן ביישפיל. אין שבחי בעל שם טוב שטייט אז דער טאטע פון רבי גרשון קיטעווער (א שוואגער פון בעש"ט) האט געהייסן אברהם, זענען געגאנגען אזעלכע וואס האבן עס געטוישט אז ער האט געהייסן אפרים, פארוואס? ווייל ר' גרשון אליין האט געהייסן ר' אברהם גרשון, איז וויאזוי קען זיין אז ער האט געטראגן דעם זעלבן נאמען ווי זיין פאטער. (אין שבחי בעל שם שטייט קלאר אז זיין טאטע האט נאך געלעבט ווען דער בעל שם טוב איז א חתן געווארן און ר' גרשון איז אפילו געווען עלטער ווי דעם בעל שם, דעריבער קען נישט זיין אז זיין פאטער זאל אוועקגיין פון דער וועלט פאר'ן ברית.)

איינמאל מ'ווייסט אז דעם צווייטן נאמען האט מען צוגעגעבן אלס חולה ווערט אלעס פארענטפערט, ווייל אריגינעל האט ער טאקע נאר געהייסן גרשון נאר מ'האט אים צוגעגעבן דעם נאמען אברהם, און דאן פלעגט מען נישט מקפיד זיין נישט צו געבן דעם נאמען פון טאטן, נאר געעפנט א חומש און גענומען וועלכן נאמען עס איז ארויסגעקומען. מיט דעם יסוד האב איך שוין פארענטפערט פיל פארפלאנטערטע סדרי יוחסין וואס האבן זיך געטראפן מיט גרויסע סתירות.

**■ אין אייערע אויגן, וואס איז די אינטערעסאנטסטע אויפדעקונג וואס איר האט באקאנט געמאכט פאר דער וועלט?**

אין דער יחוס וועלט האב איך געמאכט א

שיינע אויפדעקונג, אז די בארימטע משפחה מיוחסת בישראל משפחת רוקח, זענען זיך נישט מייחס צום סמיכת חכמים.

כ'האב געשריבן אין "בית אהרן וישראל" א סעריע איבער יחוס, און אנקומענדיג צום יחוס פון משפחת רוקח האב איך זיך געטראפן מיט א פראבלעם פארוואס עס שטימט נישט ארויף ביז צום סמיכת חכמים. כ'האב גערעדט מיט אנדערע חוקרים דערוועגן, איינער האט יא מסכים געווען איינער נישט, כ'האב אפגעשריבן מיינע געפינסן שווארץ אויף ווייס.

איידער'ן פארעפנטליכן האב איך עס געשיקט צו רבי אהרן משה רינגעל, א בעלזער חוקר וואס שרייבט אין אור הצפון און איז נאנט מיט'ן בעלזער רבי'ן, צו זען אויב די וואס טוען אין בעלזא יחוס האבן וואס צו קאמענטירן. ווען זיי האבן געזען מיין מאמר האבן זיי מיך געפרעגט צי זיי קענען עס דרוקן אין אור הצפון, אויף וועלכן כ'האב גערן מסכים געווען... כ'האב נאר געטוישט די לעצטע שורה צו זיין אביסל ווייכער; נישט אז די רוקח'ס זענען זיכער נישט קיין אייניקלעך נאר אז ביז עס קומט נישט ארויס קיין פרישע אינפארמאציע איז עס מוטל בספק...

דאס איז א גרויסע אויפדעקונג, ווייל עס רעדט זיך פון א בארימטער משפחה מיט הונדערטער אייניקלעך וואס האבן זיך יארן לאנג מייחס געווען צו אזא פראמינענטן גדול בישראל ווי דער הייליגער סמיכת חכמים און קוואדראט טענה'ט אז ס'הויבט זיך נישט אן...

כ'בין שפעטער געווען אין דאוואס אויף קור, האב איך געטראפן דעם בעלזער מגיד רבי מנשה רייזמאן, האט ער מיר געזאגט, אז מיין מאמר איז אנגעקומען פארנט פון בעלזער רב און ווי כ'האב פארשטאנען פון זיינע ווערטער איז געווען סבר וקיבל.

**■ און אינטערעסאנטע ערפארונג מיט א גדול בישראל?**

טאקע מיט דער פריערדערמאנטער טעמע. ווען כ"ק אדמו"ר מהר"א מסאטמאר שליט"א איז געווען אין לאנדאן איז ער געקומען באזוכן אונזער דיין הגאון רבי בן ציון בלום שליט"א. דער סאטמארער רבי איז א געוואלדיגער ידען אין היסטאריע און יחוס, האב איך געבעטן די קינדער פון דיין, זיי זאלן מיך לאזן וויסן ווען ער קומט באזוכן ווייל איך וויל אנוועזנד זיין ביים שמועס.

אויפ'ן וועג ארויס האט דער דיין פארגעשטעלט זיין יונגסטן זון וואס הייסט אברהם יהושע העשיל נאך דעם אפטער רב זי"ע. האט זיך דער סאטמארער רבי אנגערופן: אינטערעסאנט אז דער הייליגער אפטער רב האט געהייסן "אברהם יהושע העשיל", אין דער צייט וואס ער האט געטראגן דעם נאמען נאך "רבי ר' העשיל" פון קראקא זי"ע, און אלע אנדערע אייניקלעך טראגן בלויז דעם נאמען יהושע העשיל.

האב איך מיך געגעבן א רוף אן, אז שתי תשובות בדבר, איינס, דער רבי ר' העשיל מקראקא האט יא געהייסן אברהם, און צווייט, דער אפטער רב האט געהייסן בלויז יהושע העשיל... דהיינו, דעם אפטער רב האט מען צוגעגעבן בסוף ימיו דעם נאמען אברהם, און אויך דעם זיידן דער רבי ר' העשיל פון קראקא האט מען צוגעגעבן דעם נאמען, אבער אריגינעל האט דער אפטער רב געהייסן ווי דער אריגינעלער נאמען פון רבי ר' העשיל בלויז "יהושע העשיל".

פון וואו ווייס איך דאס? ווייל עס איז געדרוקט דער אריגינעלער נוסח התנאים פון הייליגן אפטער רב און דארט שטייט דעם נאמען "יהושע העשיל", אן קיין אברהם...

האט דער סאטמארער רבי מיך געפרעגט, "און ווער זענט איר?" האבן די ארומיגע מיך פארגעשטעלט אלס יוסף נחמיה קוואדראט, א חוקר און מומחה אין יחוס.

האט דער סאטמארער רבי זיך אנגערופן צו מיר, אז איר זענט א ידען אין יחוס, לאמיך אייך עפעס פרעגן...

כ'האב שוין געוואוסט וואס דער רבי וויל הערן, האב איך מיך אנגערופן, "דער רבי מיינט מסתמא צו פרעגן איבער רבי שמואל באב"ד פון סאנדאווישנע, דער שווער פון נירבאטער רב, ביי וועם איז ער געווען אן איידעם? דער ענטפער איז אז איך ווייס נישט..."

דאס איז א מיסטעריע ביי משפחת טייטלבוים, ביי וועמען דער רבי שמואל איז געווען אן איידעם, און כ'האב פארשטאנען אז דאס וועט מיך דער רבי פרעגן.

נישט אז מ'קען נישט נאכגיין, מ'דארף פשוט אראפפארן אין יענער שטאט און עפענען די ארכיוון, און קיינער האט עס נאכנישט געטון.

**■ איז דא א הזנחה אין דער היימישער וועלט צו פארש ארבעט און היסטאריע? אויב יא, איז דאס צוליב דער טענה אז דער עיקר איז תורה וכדו'?**

ביי די ליטווישע איז עס זיכער אזוי. כ'האב פונקט לעצטנס געהערט א שיעור אויף "תורה עניטיים", ווי מ'האט געבעטן פון א גדול ער זאל שרייבן די תולדות פון זיין טאטן, און ער האט נישט געוואלט וועגן ביטול תורה. פון חזון איש שטייט גראדע פארקערט, ווי וויכטיג ס'איז צו לערנען און אפשרייבן די תולדות פון גדולי ישראל.

אין פסוק שטייט "זכור ימות עולם, בינו שנות דור ודור". די גאנצע תורה הק' הויבט זיך אן מיט בראשית, מיט דער היסטאריע פון וועלט באשאפונג, וואס איז דער יסוד האמונה.

אז מ'קוקט טיפער, איז עס נישט בלויז א לימוד פון היסטאריע לשם היסטאריע, נאר מיט'ן וויסן היסטאריע פארשטייט מען אויך בעסער דעם שלחן ערוך. צום ביישפיל, אין שלחן ערוך שטייט אז ווען די ספר תורה איז אפן טאר מען נישט רעדן, ווען די ספר תורה איז "פארדעקט" מעג מען יא. דער רמ"א זאגט דעם לשון אז ווען די ספר תורה איז "פארמאכט" מעג מען רעדן. די פוסקים מוטשען זיך וואס עס הייסט 'צוגעדעקט' פון וואס דער בית יוסף רעדט, און ס'דא וואס פרובירן צו פארענטפערן אז בין גברא לגברא פלעגט זיין דער סדר אז מ'פלעגט פארדעקן די ספר תורה.

דער ריכטיגער פשט איז אבער זייער פשוט. דער בית יוסף האט געליינט פון א ספרדישער ספר תורה וואס קומט אין א שיידל און מ'לייענט דערין שטייענדיג און וואס מ'מאכט נישט צו בין גברא לגברא, נאר דער סדר איז אז מ'דעקט דאס צו מיט א פרוכת'ל. ווידער דער רמ"א האט געליינט פון אונזערס א ספר תורה וואס מ'מאכט יא צו בין גברא לגברא. די נושאי כלים וועלכע האבן געוואוינט אין פוילן האבן קיינמאל קיין ספרדישע ספר תורה נישט געזען, איז געווארן א מיספארשטענדעניש.

**■ טעמעס וואס איר ווילט זיך אריינלייגן און נאכנישט אנגעקומען דערצו?**

איך האב חשק צוזאמצושטעלן די אידישע היסטאריע מיט דער אלגעמיינער היסטאריע און אפירזוכן די אלע גזירות וואס ווערט דערמאנט אין חז"ל, די גזירות מלכות הרשע, מלכות הרומי, וויאזוי זיי זענען דאקומענטירט אין אלטע רוימישע דאקומענטן.

די אריגינעלע דאקומענטן פון די גזירות בימי הגאונים האב איך אין באזיץ, דאס זענען די "נאוועלס" פון יוסטיניוס קייזער, עטליכע הונדערט ביכלעך. אז מ'גייט נאך זעט מען ווי צומאל האבן זיך די גזירות אויסגעשטעלט פיל ערגער ווי דער אריגינעלער מכוון איז געווען.

**■ זענען דא אנדערע אין אייער גאטונג מיט וועמען איר האלט א קשר?**

אין יחוס זענען דא פארשידענע מענטשן, ווי פריער דערמאנט, וואס כ'פלעג זיין זייער נאנט פארבינדן מיט זיי כמעט אויף א טעגליכן פארנעם, היינט שוין ווייניגער. איבער אידישע היסטאריע, קען זיין ס'איז דא, אבער נישט קיין סך. ס'איז דא אסאך וויסערס... אבער איך זוך




א מאפע וואס פארצייכנט גענוי וואו אלעס איז פארגעקומען. פון "די רייצעס ברידער" ארטיקל אין שערי ציון.

מקורות.

גראדע, ביי אונז אין ביהמ"ד דאווענען צוויי חשוב'ע אידן, רבי שמואל הורוויץ און רבי אבא הורוויץ, גרויסע תלמידי חכמים און ידענים וואס האבן ברייטע ידיעות, און ווען אימער איך רעד נאר מיט זיי איבער אינטערעסאנטע זאכן האבן זיי אלעמאל א ידיעה דערין און צומאל געבן זיי צו פרישע זאכן.

**■ האט מען אייך אמאל געכאפט ביי א טעות?**

יא, לא נתנה תורה למלאכי השרת, כ'האב שוין געמאכט טעותים און איך וועל אי"ה ווייטער מאכן טעותים און ס'איז א חלק פונעם פראצעדור, אלעס ווי לאנג מ'ווייסט אז טעותים דארף מען פארריכטן. א ביישפיל פון א טעות איז ווען כ'האב באשריבן די רייזעס פון חכם צבי האב איך געשריבן אז ווען ער איז אוועקגעפארן פון לאנדאן האבן די שטאט לייט געמאכט א גרויסע לויה.

דאס איז נישט געווען ריכטיג און די מעשה איז געווען אנדערש. ווען ס'איז אנגעקומען די ידיעה איבער דער הסתלקות פון חכם צבי האט מען געמאכט א פאלשע לויה, אפילו מיט אן ארון איינגעהילט אין שווארצן פרוכת. דאס אליין איז בעצם א מבהיל על הרעיון'דיגע ערשיינונג; אן עצרת הספד איז איין זאך, אבער אפרעכטן א פאלשע לויה איז שוין אינגאנצן עפעס אנדערש.

**■ האט איר אמאל געשריבן א מחקר און דערנאך געזען אז ס'איז בטעות יסודה?**

ניין.

**■ יסודות פאר איינעם וואס וויל זיך אריינלייגן אין נושאים פון היסטאריע?**

ווי דערמאנט פריער, קוק אלעמאל אריין אין דעם ערשטן און פריערסטן מקור, און אז דו טרעפסט נישט, גיי זוכן. ס'איז אומגלויבליך ווי זאכן טוישן זיך, נישט נאר אין היסטאריע נאר צומאל אפילו אין הלכה, אז מ'קוקט נאך דעם ערשטן מקור קען מען זייער אסאך קלוגער ווערן.

טאמער קוקט מען אין אקאדעמישע ביכער, קוק נאך די מקורות. געטרוי זיי נישט קיין איין ווארט. אז דו האסט נישט די מקורות במקור, ליין די טעקסט וואס זיי ציטירן. ווער נישט נתפעל פון זייערע באשלוסן נאר מאך דיינע אייגענע באשלוסן.



# בין חסידישער מחקר לאקעדעמיע

**■ ווען איר נעמט זיך פארשן א פרישער טעמע, וואס איז דער עיקר ציל וואס איר האלט פאר די אויגן?**

מיין עיקר ארבעט איז צו פארפילן א קלארן היסטארישן בילד און ערגענצן די פעלנדע חלקים, מיט'ן צוזאמשטעלן אלע אינפארמאציע וואס איז נאר שייך צו לייגן א יד דערויף פון סיי וואו אימער.

כ'וועל אייך געבן א ביישפיל: כ'האב געשריבן מיט איניגע יארן צוריק די געשיכטע פון "די רייצעס ברידער", וואס מען האט זיי אומגעברענגט אויף קידוש ה' ערב שבועות אין לעמבערג.

ווי בין איך אנגעקומען צו זייער געשיכטע? זייער פשוט, ס'איז געווען א חתונה אין באבוב אום ר"ח אדר און דער רב זצ"ג האט דורכאויס דער תורה דערמאנט אין קורצן א געשיכטע ארום די רייצעס ברידער.

זייער זינד איז געווען צוליב וואס א געוויסער איד א משומד איז געקומען קיין לעמבערג תשובה טון, וואס דאס איז געווען קעגן געזעץ. יענער איז געווען א גרויס מויל און די זאך האט ארויסגעררינען, און ווען מ'האט אים געכאפט האט ער באשולדיגט די צוויי ברידער אז זיי האבן אים צוגערעדט און מ'האט זיי דערפאר באשטראפט מיט טויט שטראף.

איינער פון די ברידער האט געהייסן ר' יהושע. מ'האט אים געפייניגט אין תפיסה ביז צום טויט, דערנאך האט מען צוגעבינדן זיין טויטן קערפער צו א פערד און אזוי ארומגעשלעפט איבער דער גאנצער שטאט רח"ל.

אינמיטן וועג האט זיך זיין גוף איבערגעדרייט מיט'ן פנים אראפ. זיין ברודער וואס האט נאך געלעבט האט געגעבן א געשריי, "יהושע, וואס שעמסטו זיך!" און באותו רגע האט זיך דער גוף איבערגעדרייט. עד כאן המעשה וואס דער רב האט דאן דערציילט, און שטייענדיג אויף די פארענטשעס האב איך אינאכט געוומען ווי קיינער אנוועזנד ווייסט נישט פון די רייצעס ברידער צו זאגן.

כ'האב מיך ארויסגעלאזט אויף דער יארכע. אין "דאס אידישע ווארט" פון ר' יוסף פרידנזאהן האב איך געטראפן צוויי ארטיקלען; כ'האב געטראפן א אידישן שרייבער א פרייער אבער נישט קיין להכעיס'ניק וועלכער האט זיך אפגעגעבן מיט שרייבן אידישע היסטאריע, מאיר באלאבאן האט ער געהייסן.

צוביסלעך האב איך מיך געטראפן מיט צוויי ווערסיעס פון דער געשיכטע, מיט אינטערעסאנטע פרטים פון ספרי קודש. א שטייגער האב איך געטראפן ווי דער מהר"ם

חגיז ברענגט א הספד וואס איינער פון די ברידער האט זיך אליין מספיד געווען איידער ער איז געפירט געווארן לגיא ההריגה און אנדערע אינפארמאציע פון אלגעמיינע היסטארישע ליטעראטור, און די צוויי זענען נישט געווען קיין סתירה נאר איינס האט ערגענצט דעם צווייטן, ביז כ'האב מיך געטראפן מיט אן ארטיקל פון צוואנציג זייטן וואס איז דערנאך געדרוקט געווארן אין שערי ציון.

**■ מיט וואס איז אנדערש פארש ארבעט אין היסטאריע פון א היימישן חוקר ביז דער אקאדעמישער וועלט?**

יעדער נוצט די כלים וואס ער פארמאגט. דער אקאדעמיקער האט א ביבליאטעק מיט אלגעמיינע מאטעריאל און ציווילע זאכן וואס ער נוצט פאר דאקומענטאציע און מקורות. דארט וועט ער נאטירליך טרעפן פאראייביגט דאס קאפיטל געשיכטע צי תקופה אין וועלכן ער פאראינטערעסירט זיך. מיר האבן, להבדיל, ספרי קודש און א גרויסן אוצר החכמה, וואס טראץ זיי זענען אין גרויס טייל נישט באזירט צו דאקומענטירן די אידישע היסטאריע טרעפט מען אבער דארט אן א שיעור היסטארישע נאטיצן און אינפארמאציע.

אין אנדערע ווערטער, דאס זענען צוויי סיסטעמען פון ריסוירטש, און אין א געוויסן זין טוט עס ניטאמאל פארשאטענען איינס איבער דעם אנדערן, ווייל איינער קוקט אין צפון און איינער קוקט אין דרום.

**■ סיי וועלכע פון אייערע פארש ארבעט זענען שוין אמאל אנגעקומען צו דער אקאדעמישער וועלט?**

איך פערזענליך ווייס נישט דערוועגן. אייניגע פראפעסארן האבן זיך שוין פארבינדן מיט מיר, אבער מיט רויע קשיות און א מינימאלע ידיעה איבער וואס כ'האב געשריבן.

**■ וואס זענען די גרייזן וואס פרייע חוקרים מאכן ווען עס קומט צו רעדן פון דער פרומער וועלט?**

ס'פעלט זיי אמאל דאס לעצטע שטריפל. ווען מ'רעדט פון א גדול בישראל וועלן זיי קוקן מיט א סעקולערן בליק און זען פאר זיך צוויי דימענסיעס: דער פערזענליכקייט און די טעקסט, די געשריבענע היסטאריע. צומאל פעלט זיי די דריטע דימענסיע וואס גיט קלארקייט.

איך וועל אייך געבן א ביישפיל. צו דער אפצייכענונג פון פיר הונדערט יאר פון מהר"ל מפראג זי"ע, איז ארויסגעקומען אן אקאדעמיש ביכל גערופן "פעטה אוו לייף", א מחקר אויפ'ן מהר"ל, א שיינע ארבעט פון א אידישן שרייבער, ער הייסט אלכסנדר פוטיק. דאס איז אן ערנסטע ארבעט פון פינף הונדערט זייטן, איבערגעזעצט אויף ענגליש און טשעכיש. כ'האב עס געקויפט, ס'איז א טייער ביכל און ער האט דארט אסאך שיינע אויפדעקונגען.

פוטיק ברענגט א היסטארישע אנעקדאט אז דער סדר ביי די אידן אין אייראפע איז געווען אז דעם ערשטן קינד האט מען א נאמען געגעבן נאך דעם טאטנ'ס זייט און דעם צווייטן קינד נאך דער מאמע'ס זייט, אא"וו. ער מאכט פון דעם א גאנצן יסוד און וויל מיט דעם פעסטשטעלן שאלות אין יחוס באזירט לויט די נעמען.

דאס איז זייער א נארישע צוגאנג, ווייל ס'קען טאקע זיין ס'איז געווען אזא מנהג, אבער ס'איז נישט פינקטליך אזוי, און נישט אלעמאל, אמאל מאכט זיך אויסנאמען וכדו', און מ'קען אויפ'ן נאמען פון א מענטש גארנישט בויען.

דאס איז עפעס וואס איינער וואס איז פרעמד צו אונזער וועלט וועט נישט פארשטיין, נאר ווייל מיר זענען אינעם שיסל וועלן מיר וויסן פון דער דריטער דימענסיע, דער פיפטער חוש, און ווי אייז און ווי אויס.

**■ א פרומער חוקר וועט האבן כלים צו קולע זיין אל המטרה און אנקומען צום אמת ענדערש ווי אן אלגעמיינער היסטאריקער?**

זיכער אזוי, ווייל אמונת חכמים איז גאר א טייערער ארטיקל און ווען מ'ארבעט מיט דער ריכטיגער שעצונג צו די פריערדיגע דורות קען מען זיך בעסער מייחס זיין דערצו און נעמען ערנסטער זייער ווערק וואס וועט ברענגען בעסערע רעזולטאטן.

א ביישפיל: ס'איז דא א מגילת יוחסין געדרוקט אין א ספר מטה משה תק"ה, דער ערשטער מגילת יוחסין וואס איז געשריבן באזירט אויף פארשונגען, נישט בלויז קבלה איש מפי איש. דארט איז דא א געפערליכע מישמאש און ס'איז שוין אסאך געשריבן געווארן דערוועגן און ס'איז אנגענומען געווארן אלס אן אפגעפרעגטע זאך, סיי אין דער פרומער וועלט און סיי אין דער אקאדעמישער וועלט, טאקע ווייל צופיל זאכן שטימען נישט דערין.

איך האב אבער געוואוסט אז איינער האט דאך דאס געשריבן מיט א חשבון און א כוונה, און א גדול בישראל דרוקט נישט קיין מגילת יוחסין סתם אין דער וועלט אריין, האב איך גענומען די מגילה און דאס איבערגעטייפט, פאראגראף ביי פאראגראף, און פרובירט צו דעשיפרירן וואס דא גייט פאר, ביז ס'האט זיך מיר ארויסגעשטעלט אז דאס איז געווען צוזאמגעשטעלט פון דריי חלקים און איין חלק איז זיך צעפארן צווישן די פאראגראפן. ווען כ'האב עס מסדר געווען אויפ'ן ריכטיגן סדר האב איך געלעזט 95 פראצענט פון די פראבלעמען וואס האט געשלאגן די מגילה. וויבאלד כ'האב געהאט די ערנסטקייט און די אמונת חכמים בין איך צוגעגאנגען דערצו מיט אחריות ביז איך בין בס"ד אויפגעקומען מיט א מהלך וואס שטימט.

**■ וואס זענען די טשאלענדזשעס פאר א היימישן פארשער?**

איין פראבלעם מיט וואס מ'קען זיך אנשטויסן איז ווען דער ביבליאטעק שטימט נישט מיט'ן אוצר הספרים. עס זענען דא ארכיוון און דאקומענטן וואס גיבן אנדערע פאקטן, צום ביישפיל אנדערע דאטומען, ווי מ'טרעפט אין ספרי קודש.

דער אקאדעמיקער האט נישט קיין פראבלעם, ער וועט באזייטיגן דעם ספר. דער אויבערפלעכליכער אידישער פארשער וועט טון פונקט דאס פארקערטע און אנגעמען דעם ספר בלינדערהייט.

איך וועל פרובירן טרעפן אן עמק השווה און זיך דערגרינטעווען פארוואס טאקע שרייבן זיי אנדערש. אז מ'טראכט אריין קען מען אמאל אויפקומען מיט א טעאריע אז עס מוז נישט זיין קיין סתירה, הא לן והא להו, ס'איז דא א סיבה פארוואס ס'האט זיך אזוי אויסגעשטעלט און מ'קען קומען לעמק השווה.

פארשטייט זיך אז מ'רעדט נישט פון זאכן וואס זענען נוגע צו יהדות, הלכה ומסורה, צי סיי וועלכע אידישקייט ענינים, מ'רעדט פון פשוט'ע היסטארישע פאקטן וואס עס מאכט זיך איינער שרייבט אזוי און דער צווייטער שרייבט פארקערט, וואס מיט התבוננות קען מען טרעפן א לעזונג צי א דריטע ווערסיע וואס קלארט אלעס אויס.

צומאל קען זיך עס מאכן אין ספרי קודש גופא. ווען צוויי ספרים זענען זיך סותר דארף איך טראכטן ביי מיר לויט די אינפארמאציע וואס איך האב וועלכע איך קלער איז מער נוטה אל האמת.

**■ א טעות וואס היימישע היסטאריקער זענען געוואוינט צו מאכן?**

מען איגנארירט וואס די היינטיגע חוקרים שרייבן און מ'איז מעלה גירה אלטע גרייזן וואס מ'האט שוין לאנג מתקן געווען. כ'רעד פון היימישע חוקרים וואס שרייבן תולדות פון א גדול בישראל און זענען מתקן אלטע איינגעזעצטע טעותים, קומט דער נעקסטער שרייבער און שרייבט נאכאמאל די זעלבע אלטע טעותים; פארוואס פארריכט ער עס נישט?

אן אנדערע חסרון איז אז מ'שרייבט נישט קיין מקורות און מראי מקומות און טאמער




די פילע וואנדערונגען פונעם חכם צבי



מציבה פון די די גאלדענע רויזא אין לעמבערג. שטייט שוין נישט היינט.

יא לאזט מען עס אפטע פארוואלקנט און אומפארלעסליך און מ'קען ניטאמאל נאכגיין דעם מקור הדברים.

כ'האב געזען לעצטנס א מגילת יוחסין וואס איינער האט געשריבן און ער ברענגט נאך פון "פנקס קראקע". מה זאת פנקס קראקע? פנקס קראקע איז נישט קיין באשטימטער ספר, ס'איז דא פארשידענע קובצים, ספרים, ארטיקלען אין צייטונגען וואס קאלעקטיוו באצייכנט מען זיי אלס פנקס קראקע. אז דו שרייבסט געהעריג א מקור וועט מען קענען נאכגיין וואס דו זאגסט.

וכן אני נוהג. ביים שרייבן פאר קינדער איז שווער אנצופילן אן ארטיקל מיט מקורות, און אמאל אז מ'שרייבט פאר א היימישער אויסגאבע הויבט זיך אן א שאלה וועמען ברענג איך יא און וועמען ברענג איך נישט, אבער אין "קנקן" וועל איך בעז"ה ברענגען פאר יעדער זאך א מקור. די מעלה דערפון איז איבערוויגנד, והאומר דבר בשם אומרו מביא גאולה לעולם.

■ **אויף וועלכן ארטיקל האט איר באקומען די מערסטע קריטיק?**

כ'האב געשריבן א סעריע פון דריי ארטיקלען איבער דער שטאט קראקע און ווי אידישקייט האט זיך דארט אנטוויקלט, אינאיינוועגס האב איך בארירט די באקאנטע מעשה וואס ווערט דערציילט אויפ'ן הייליגן רמ"א ווי א חתונה זאל האט איינגעזינקען צוליב א קפידה פון רמ"א וויל מ'האט געשפילט מוזיק ביי א חתונה וואס איז געפראוועט געווארן פרייטאג צונאכטס.

איך האב אויפגעוויזן אז די מעשה, ווי זי ווערט דערציילט, קען נישט זיין אמת, וויל דער רמ"א אליין דערמאנט אין א תשובה איבער חתונות אום פרייטאג צונאכטס, און אויף איין פלאץ שרייבט ער אז אין זיין שטאט ווערט געפראוועט פינף זעקס חתונות יעדע פרייטאג צונאכטס. אויך מצד הלכה שטימט נישט די מעשה, וויל אין שלחן ערוך ווערט גע'פסקנ'ט אז עס מעג זיין מוזיק ביי א חתונה פרייטאג צונאכטס, ממילא קען נישט זיין אז די מעשה זאל האבן פאסירט. אפשר מיט א צווייטן גדול און איבער א צווייטן פראבלעם, אבער נישט די פארשפרייטע ווערסיע.

דער עולם האט זייער הנאה געהאט פון דעם ארטיקל, אבער א וואך שפעטער רופט מען מיך פון שערי ציון אפיס אז ס'איז דא א בריוו וואס איינער שיקט אריין מיט קריטיק, צי זיי מעגן עס פארעפנטליכן... כ'האב געוויס געלאזט דרוקן דעם קריטיק בריוו און כ'האב יענעם נישט צוריקגעענטפערט.

דער תירוץ צו די אלע קשיות איז אז ס'איז בכלל נישט קיין קשיא, מ'טרעפט געגוג און נאך מעשיות וואס שטימען נישט מיט'ן מציאות. די טבע הדברים איז אז פרטים טוישן זיך ווען א מעשה גייט אריבער מפה לאוזן און דאס איז אפילו ווען מ'רעדט פון כלי שני און כלי שלישי, כש"כ דא וואס מ'רעדט פון א מעשה פון הונדערטער יארן צוריק און ס'האלט שוין ביי כלי מאה...

■ **איז דאס אן אפטע ערשיינונג אז געשיכטעס וואס ווערן דערציילט שטעלן זיך ארויס צו זיין היסטאריש פאלש?**

מיין ארבעט איז נישט אפצופרעגן מעשיות און איך זע נישט קיין ענין דערין, ס'האט זיך דאן פשוט אזוי אויסגעשטעלט מצד מיין פארש ארבעט ארום קראקע, דעריבער האב איך עס געשריבן.

ווען א מעשה שטימט נישט מצד דער היסטאריע מיינט נישט אז ס'איז נישט קיין מעשה וואס דארף דערציילט ווערן. א מעשה ביי אונז איז נישט בלויז די חלק ההיסטאריע, דער עיקר איז זיך אפלערנען די מוסר השכל און די גדלות פון א מענטש, די מעשה איז נאך אלץ קאי וקיים און מ'קען עס דערציילן.

דער שינאווער רב זצ"ל פלעגט דערציילן א מעשה פון פינטע קצין, וועלכער איז געווען רייך ווי קורח און איין טאג איז ער פארבליבן איינגעשפארט אין זיין שאץ קאמער ביז ער איז אויסגעגאנגען פאר הונגער. איידער ער איז געשטארבן האט ער געשריבן מיט בלוט אז איך פינטע קצין האב געהאט אלע געלט אין דער וועלט און צוזאמען מיט מיין גאנצע געלט בין איך געשטארבן פון הונגער.

דער שינאווער רב פלעגט דערציילן די מעשה און דערמיט פועל'ן א ישועה. איז די ישועה דען תלוי געווען צי די מעשה שטימט היסטאריש צי נישט? דער שינאווער רב האט בכח קדושתו ממשיך געווען א ישועה און דאס מלביש געווען אין דער געשיכטעלע.

■ **קלאפט מען זיך אמאל אן אין זאכן וואס מ'קען נישט שרייבן, כבוד אלוקים הסתר דבר וכדו', און אויב יא, וויאזוי באגייט מען זיך דערמיט?**

אמאל איז עס כבוד אלוקים הסתר דבר און אמאל איז עס כבוד בשר ודם הסתר דבר... ווען די רעדע איז פון קאנטראווערסיאלע זאכן וועל איך בדרך כלל ניטאמאל דאס אנרירן און זיך נישט אריינלאזן דערין. איך וועל אייך דעריבער מוז געבן א ביישפיל פון אן אנדערן שרייבער.

לעצטנס איז ארויסגעקומען דער ספר "לבוש היהודי" אויף לשון קודש איבער די גזירות אויפ'ן אידישן לבוש אין רוסלאנד און קאנגרעס פוילן, ווען די משכילים האבן אנגעדרייט די רעגירונג צו פארלאנגען אז כלל ישראל זאל טוישן דאס לבוש און צופיצן די באַרד און די גדולי ישראל האבן געקעמפט דערויף בחרב ובחנית.

דער ספר האט געטראפן א בריוו פון אן אנערקענטן תורה'דיגן פערזענליכקייט און א זון פון א גדול בישראל, וועלכער דרוקט גאר אויס זיין צושטימונג מיט די משכילים און דער רעגירונג, און האט דאס אריינגעדרוקט אין זיין ספר. ער ציט פון דעם בריוו א מסקנא אז ס'מוז זיין אז יענער פערזענליכקייט איז גארנישט געווען אזוי אנגענומען ווי מ'מיינט היינט, און ער האט גאר געהאט משכילישע פייגלעך אין קאפ וכדו'.

אזא זאך וואלט איך קיינמאל נישט געדרוקט, ווייל וואס ווייסטו דען וואס איז דעמאלט געווען? אפשר האט מען אים טעראריזירט צו שרייבן אזא בריוו? אפשר איז דאס געווען זיינס א הווה אמינא און טעות און ער האט דערנאך חרטה געהאט? ווי קען מען בויען מסקנות פון איין ספעציפישן פרט.

מיר חרדישע חוקרים האבן א זעלבסט-ווירדע אז נישט אלעס איז אויף אויסצופויקן. בעצם וועלן מיר נישט אזוי שנעל זעצן א חשוב'ן פערזענליכקייט צי א תלמיד חכם אויפ'ן באשולדיגונגס באנק, און אפילו ווען מ'ווערט שוין יא עפעס געוואויר מיינט עס נישט אז ס'דארף ווערן געזאגט אדער געשריבן פאר'ן רבים.

מיר האבן ב"ה אויך די גרויע קאליר, און נישט אלעס ווי ס'זעט אויס אויפ'ן פאפיר מיינט ס'איז אזוי געווען, אבער דער אקאדעמיקער ווייסט נישט פון קיין גרוי, אלעס איז ביי אים שווארץ און ווייס, און אין דער רגע ער טרעפט אן עבירה אויף עמיצן, נאכדערצו אויף א היימישן, איז ער זיך מחיה און איז דאס גרייט אויסצופויקן אינמיטן מארק.

אן אנדערן פאל פון כבוד בשר ודם איז געווען ווען כ'האב געשריבן א מעשה אין קינדליין איבער רבי שמעון סופר זצ"ל און ווי ער איז געגאנגען שתדל'ען ביים קייזער פאר'ן קרייזער רב וועלכער איז געזעסן אין תפיסה. די מעשה האט נאך דעטאלן, כ'האב אבער זיך נישט אריינגעלאזט דערין ווייל ס'איז דא אפשטאמיגע פון די וואס זענען געווען פארמישט אין דער פרשה און ס'פעלט נישט אויס צו מישן דעם טאפ.



## קנה לך
## פאר א חבר

■ **קומט אייך אויס צו שרייבן אנדערע סארט ארטיקלען אדער מאמרים סיידן היסטאריע?**

איבער יחוס, ווי געזאגט. כ'האב אויך געשריבן איבער זמנים אין "פעלים לתורה", א קובץ וואס קומט ארויס דא אין לאנדאן דורך הרב בעריש ראפאפארט. אין הפעמון האב איך געשריבן וועגן דעם זייגער פון אחז, דער טאטע פון חזקיהו המלך.

אנדערע פלעצער וואו כ'האב שוין געשריבן איז אין "אבותינו", וואו איך האב אויפגעדעקט אז דער אריגינעלער נוסח המצבה פונעם מהר"ל, וואס מען האט דאס געזוכט אלע יארן, איז אלעמאל געווען פאר אונזערע אויגן, און ווי פריער דערמאנט אין אור הצפון און בית אהרן וישראל איבער יחוס.

■ **וואס איז אייער בליק אויף דער היימישער עולם הזשורנאליזם וליטעראטור?**

קיין קאמענטארן. נישט מיין תחום.

■ **איז דא א חילוק צווישן דעם חומר וואס איר שרייבט אין קינדליין ביז שערי ציון, צום ביישפיל?**

זיכער. קינדליין איז געווידמעט פאר קינדער, באשטייט עס בעיקר פון דראמא און געשיכטע געפלאכטן מיט ידיעות; שערי ציון איז פונקט פארקערט, פארש ארבעט און ידיעות געפלאכטן מיט אינטערעסאנטע מעשיות.

■ **דערציילט אונז איבער אויפדעקונגען אדער ארטיקלען וואס איר האט געשריבן ארום בית באבוב והמסתעף?**

כ'האב נישט אזויפיל געשריבן ארום דער היסטאריע פון בית באבוב, סיידן דער יחוס פון באבובער רב שליט"א אויף וואס איך שרייב שוין צוועלף יאר.

איך זוך נישט צו שרייבן קיין חסידישע פרשיות, אריינגערעכנט באבוב אויך נישט, מכמה טעמים. בכלל, יעדע חסידות האט זיך זיינע שרייבער און זענען נישט נייגעריג ווען א פרעמדער שרייבער שטופט זיך די נאז, ס'איז כאילו ווי דער טעמע באלאנגט צו זיי. א חסידות האט זיך שוין געוועלנליך זייער וועג וויאזוי זיי ווילן זאכן זאלן באשריבן ווערן און ווען א פרעמדער שרייבט קען ווערן א קאנפליקט...

■ **אייער מערסט אינטערעסאנטע ערפארונג דורכאויס די באקאנטע "צוריקצואוועגס" נסיעות קיין קראקע און פראג?**

די אומדערווארטעטע זוכן און טרעפן די אור אלטע שול אין קראקע. היינט איז קראקע א גרויסע שטאט און איין ספעציפישע געגנט רופט מען קאשמיר, וואו עס געפינט זיך די רמ"א שול און דער אור אלטער בית החיים. אמאל איז קאשמיר געווען א שטאט פאר זיך אליין, דארט וואו ס'געפינט זיך דער "רינעק", דער מארק, דארט איז געווען קראקע, און ס'איז געווען צעטיילט אין צוויי קהלות, ק"ק קראקע און ק"ק קאשמיר.

אין יאר רנ"ה איז געווען א גירוש אבער בעפאר איז דארט געווען א גרויסע שול. קיינער האט אבער נישט געוואוסט וואו די שול איז געווען. איך האב עס געטראפן, היינט איז עס א לייברערי. ס'איז געווען זייער אינטערעסאנט צו באזוכן אן ארט וואו מהאט שוין נישט געדאוונט זעקס הונדערט יאר. כ'האב עס באשריבן אין צווייטן "צוריקצואוועגס".

■ **תכלית, האט דער מהר"ל באשאפן א גולם?**

אין פראג איז געווען אזא מסורה נישט פון היינט נאר פון הונדערטער יאר צוריק. די ערשטע צו לייקענען זענען געווען די משכילים. אסאך האבן שוין געשריבן דערוועגן וגם אני בתוכם.

אלעס קומט צוריק ווייל היינט גלייכט מען נישט קיין מיסטיציזם. אבער אמאל האט מען יא געגלייבט. כ'האב געזען א משכילישע אויפגעקלערטע צייטונג פון א קארגע הונדערט יאר צוריק, איז עס פול מיט געשיכטעס פון שדים און מזיקים. אז מ'וויל נישט גלייבן

היינט מיינט נישט אז עס עקזיסטירט נישט. וויפיל מענטשן ווערן פארשווינדן א יאר אין אמעריקע און קיינער ווייסט נישט וואו זיי זענען אהינגעקומען. קען זיין מ'זעט זיי נישט ווייל היינט איז איבעראל ליכטיג און שדים האלטן זיך אויף נאר אין דער טונקל.

ס'איז דא צופיל אינפארמאציע דאקומענטירט איבער דיבוקים און שדים און העכערע כוחות אז מ'זאל עס אוועקמאכן. ס'איז געווען דער בעל שם פון לאנדאן, ער איז געווען א חבר מיט'ן לאנדאנער רב. א גרויסער מענטש געווען. זיין שמש האט געשריבן א טאגבוך, דערציילט ער דארט ווי ער האט געמאכט זאכן פליען אין דער לופטן, נישט נאר פאר אידן נאר פאר גוים. ער איז געווען א בעל שם וואס האט געטון וואונדערליכע זאכן. אז כ'וועל עס היינט דערציילן וועט מען מיך אויספלאגן די מייק. ס'איז אבער דא צופיל אויטענטישע באריכטן פון אזעלכע זאכן אז איך זאל מיך צומאכן די אויגן.

■ **א השגחה פרטית געשיכטע דורכאויס אייער קאריערע?**

כ'האב געשריבן א שטיק צייט א סעריע ארום דער תקופה פון די ראשונים. וויבאלד ס'איז נישט געווען אזויפיל היסטארישע פאקטן, האב איך בעיקר געשריבן געשיכטעס פון יענער תקופה.

שרייבנדיג בין איך ארויפגעאנגען אלץ העכער און העכער פון די ערשטע צייטן וואס אידן האבן באזעצט אין אייראפע, וואס גייט נאך צוריק צו די צייטן פון פלגש בגבעה אין די צייטן פון בית המקדש, ווי עס ווערט געברענגט אין רד"ק און אברבנאל און נאך ספרים.

אז די אידן זענען אנגעקומען קיין אייראפע נאך אין די צייטן פונעם בית המקדש, האב איך געזוכט א מקור דערויף אין די ווערטער פון חז"ל. געזוכט און געזוכט ביז כ'האב שוין כמעט אויפגעגעבן, דאן האב איך ממש אינעם לעצטן מאמענט באגעגנט אן אינטערעסאנטן מדרש. דער מדרש אין שוחר טוב דערציילט ווי א מענטש איז געקומען פון "גליא ואספמיא" – גליא דאס איז גאול, דער געגנט פון דייטשלאנד, פראנקרייך און בעלגיע, וואו דער דעמאלטיגער שפראך איז געווען גיליק; אספמיא איז פארטוגאל, שפאניע און די ארומיגע לענדער. פארציילט דער מדרש ווי ער האט געברענגט א קרבן מנחה און זעענדיג ווי דער כהן גדול נעמט בלויז א קמיצה דערפון פאר'ן מזבח און דאס איבעריגע האט דער כהן גדול אויפגעגעסן האט זיך דער מענטש זייער געבייזערט, הלמאי ער קומט צו פארן אזא לאנגע וועג און בלויז א קמיצה פון זיין קרבן גייט פאר'ן מזבח. ביז מ'האט אים מסביר געווען אז עבודתו בכך.

אז כ'האב געטראפן אזא מדרש בין איך אויפגעשפרינגען, ווי מען זעט קלאר אז אידן האבן געוואוינט אין גליא ואספמיא, דאס איז אייראפע, נאך אין די צייטן פונעם בית המקדש.

■ **אפשר איז דער וואס האט געברענגט א קרבן געווען א גוי?**

דער מדרש שרייבט מעשה באדם אחד, מער מסתבר אז ס'איז געווען א איד.



# אריינבליק אינעם נייעם "קנקן"

■ **חובבי היסטאריע זענען אויף מיט דער בשורה אז איר גרייט זיך ארויסצוגעבן אן אייגענעם קובץ מיט'ן נאמען "קנקן". וויאזוי האט זיך דער פלאן אנטוויקלט?**

זייער פשוט, איך שרייב זייער אסאך און איך באגעגן כסדר אינטערעסאנטע זאכן וואס איך וויל מיטטיילן מיט דער וועלט. אין עקזיסטירנדע פלאטפארמעס באקום איך צומאל ווייניג פלאץ, און בכלל, אז איך ארבעט פיר וואכן אויף אן ארטיקל, קען מיך נישט די רעדאקציע באצאלן פאר פיר וואכן ארבעט אפילו אויב זיי ווילן. דערפאר האב איך באשלאסן צו ווידמען אן אייגענע פלאטפארמע, און טאקע נישט געמאכט פאר אלעמען נאר פאר די וואס זענען נייגעריג אין מיין חומר.




שער בלאט פון נייעם "קנקן"

■ **וואס איז דער ענדגילטיגער ציל?**

דער חלל ווען ס'קומט צו היסטאריע און וויסנשאפט אין דער היימישער וועלט איז אומגעהויער. מאנכע זענען ממש אנאלפאבעטן און מיינען אז דער ברוך טעם מיט רבינו תם און דער נותן טעם זענען געווען דריי ברידער... אפילו אין מיינע יוגנט יארן ווען איך בין געווען אין חדר האט מען געלערנט מער, מ'האט געלערנט איבער אסטראנאמיע און וויאזוי צו מאכן א לוח.

■ **כ'וויל פרובירן באריייכערן דעם עולם מיט אלערליי ידיעות.**

כ'האב אמאל געליינט אז פילע סוקסעספולע ברענדס ווי קאקא קאלא און מעקדאנלדס האבן א שטארקע ק' קלאנג... ווער האט געגעבן דעם נאמען "קנקן"?

דער פראיעקט אליין האט זיך געגעבן דעם נאמען. כהאב עס געוואלט רופן "הגליון", אלע קאלומס האבן שוין געהאט נעמען מסודר מיט די אותיות "גל" דערינען, אלס א ווערטערשפיל אויף גליון. זיצנדיג ביים קאמפיוטער האב איך אנגעהויבן שרייבן הגליון און אונטער דעם א טעגליין "קנקן חדש מלא ישן".

כ'האב שנעל געטוישט דעם נאמען צו קנקן, ווייל דאס איז עס, א קנקן חדש מלא ישן.

■ **אויב איך מעג צולייגן, קן איז ראשי תיבות נחמיה קוואדראט... אלזא, וואס איז דער אפקלאנג?**

ב"ה איך זע א גוואלדיגער אפקלאנג און מ'זעט אז ס'איז דא א געברויך. עטליכע יונגעלייט זענען צוגעקומען צו מיר און געוואלט געבן גרויס געלט איך זאל זיי ארויסדרוקן א קאפי פאר זיי פריוואט איידער זיי פארן צו וואקאציע, אזוי שטארק האבן זיי עס געוואלט. כ'האב זיי נישט געגעבן ווייל כ'האב נישט געוואלט נעמען די גאולה פאר דער צייט, אבער ס'איז מיר געווען א שטארקע איבערצייגונג אז דער דארשט און דער מארקעט איז דא.

■ **פארוואס דער הויכער פרייז פון 18 דאלאר?**

האסט עס שוין געזען אז דו זאלסט קענען טענה'ן אז עס איז א הויכע פרייז?...

ס'איז קלאר א פראבע, און בעפאר א פראבע ווייסט מען זיכער נישט צי א זאך ארבעט אדער נישט... ווער עס האט עס געזען זאגט אז עס איז נישט קיין הויכע פרייז צוליב די רייכע חומר

וואס איז אריינגעגאנגען דערין, און, ווי געזאגט, עס מוז זיך אויסצאלן די הארעוואניע.

עס איז געצילט פאר אזעלכע וואס פארשטייען די ווערד דערפון און פאר זיי איז עס האפנטליך נישט קיין איבערגעטריבענע פרייז.

**■ ווער שרייבט?**

דערווייל איך אליין. אויב גייט עס אין ריכטונג ווי איך רעכן עס וועט גיין, וועט מען בעז"ה ארויסקומען יעדן חודש און איינשפאנען נאך שרייבערס.

**■ א שטיקל סקירה כללית וואס ס'איז צום ערווארטן אין ערשטן קנקן?**

דערווייל איז עס הונדערט צען זייטן. כ'וויל ארויפגיין ביז צוויי הונדערט זייטן. רוב מאטעריאל איז געשריבן אין אידיש אבער ס'איז אויך דא אביסל ווערק אין לייכטן לשון קודש. ווי אויך הויבט זיך יעדן ארטיקל אן מיט אן אויסצוג פון א ספר וכדו' צו שטופן דעם יונגן ליינער צו ליינען לשון קודש.

איך ציל שטארק אז דער ליינער פון קובץ קנקן זאל נישט בלויז אפליינען און געגאנגען ווייטער, נאר ס'זאל אים בלייבן דער טעם אין מויל און ער זאל דאס איבערשמועסן מיט זיינע חברים אין כולל און ישיבה און עפענען דעם אפעטיט צו תורה'דיגע ענינים בבחינת תן לחכם ויחכם עוד, אז דער וואס דארשט פאר נאך זאל קענען טיפער אריינקריכן אין די נושאים מיט'ן נאכגיין און מעיין זיין אין די מקורות.

דער הויפט ארטיקל פונעם ערשטן קנקן איז ווי דער חיד"א זי"ע גייט באזוכן די טיר-גארטן אין לאנדאן. דער חיד"א באשרייבט זיין באזוך אין לאנדאן און אין דעם "טאוער אוו לאנדאן", און איך האב אינפארמאציע פון א בוך וואס באשרייבט דעם "לאנדאן טורעם" מיט דריי יאר איידער דעם באזוך פונעם חיד"א און עס ערגענצט פיל אינפארמאציע פון וואס דער חיד"א רעדט, און איך שטעל צוזאם ביידע.

צום ביישפיל, דער חיד"א רעדט פון א כלאימ'דיגן הונט וואס ער האט געזען. וואס איז דאס? פון דעם דערמאנטן ביכל לערנען מיר אז דאס איז א שאקאל ("דזשעקעל"), פון דער הונט משפחה. דער חיד"א האט געזען די קרוינען פון די קעניגן, און איך שטעל בילדער פון די זעלביגע קרוינען וואס ער האט באגעגנט. אויך נאך אסאך אינטערעסאנטע אינפארמאציע וואס דער חיד"א שרייבט קריגט לעבהאפט, ווי דער ארטיקל איז באגלייט מיט היסטארישע בילדער פון די חיות וואס דער חיד"א האט געזען און שיינע פאטאגראפן פון די אומבאקאנטע חיות וואס ווערן דערמאנט.

**■ ספעציעלע חידושים וואס מען וועט דארט באגעגענען?**

איך נעם א תשובה ספר און איך גיי עס דורך. א רב אין פאדאווע האט געהאלטן א דרשה אינמיטן ליינען, און עס ווערט צענומען, ווער איז געווען דער רב? האט ער ריכטיג געטון? מיר ברענגען אויף א הערליכע חידוש להלכה, וואס ווערט כמעט נישט באריט אין די פוסקים.

אין תחום פון הלכה, נעמען מיר זיך איבער דעם ספק אויפ'ן שהחיינו ראש השנה ביינאכט. יעדער ווייסט אז עס דא א פראבלעם מיט'ן שהחיינו, אבער וויפיל קענען דיר זאגן אין איין שורה וואס איז גענוי דער ספק מער ווי ביי א צווייטן יום טוב. מיר ברענגען אראפ דעם ענין אויף זייער א לייכטן וועג, פארשטענדליך פאר יעדן איינעם, באגלייט מיט בילדער צו ציען די יונגווארג.

נאך א חידוש איז דאס זיך אפגעבן מיט פיוט, און טאקע אויף א ברייטן פארנעם. דאסמאל גייט עס זיין תפילת גשם. וואס איז דאס, דער טייטש און ביאור. יעדער ווייסט אז דער פיוט גראמט אבער עס דא פיל מער צו דעם. די ראדיקאלע תיבות, דער נאמען, דער צאמשטעל פונם פיוט מיט די ברכה. מיר האבן אויסגעשטעלט די פיוט פון פריש און ארויסגעברענגט גראפיש די אלע אינטערעסאנטע פונקטן וואס דער פייטן האט אזוי שטארק משפיע געווען. די שיינקייט, דער גראם, ס'באקומט גאר אן אנדער טעם. ס'ליינט זיך ווי קאוד, אלעס ביינאזאם. העכסט עמאציאנאל, ווי איידעלע באלזאם. ■


# יסודות פון אינוועסמענט

וואס מיינט אן "אינוועסמענט"?!

לאמיר אביסל איבערשמועסן די אלף בית פון אינוועסמענט, כדי קלארצושטעלן פאר די חשוב'ע ליינער וויכטיגע פונקטן וואס צו האלטן פאר די אויגן ווען מען טראכט צו אינוועסטירן אין סיי-וועלכע אינוועסטירונג\השקעה.

צום ערשט דארף מען וויסן דעם אפטייטש. אן אינוועסמענט איז נישט קיין סעיווינגס. א "סעיווינגס" איז א פלאץ וואו מ'לייגט אריין געלט, כדי עס צו קענען נוצן אין א שפעטערדיגע תקופה, אבער מען קען נישט פארדינען קיין גרויסע פראצענטן. אן "אינוועסמענט" באדייט אז מען שטעקט איין געלט אין א געשעפט כדי די געלט זאל ברענגען נייע רווחים בעז"ה.

גלייכצייטיג איז אן אינוועסמענט אן איינשטעל. ביי יעדער אינוועסמענט דארף מען זיין גרייט צו נעמען א "ריסק", מען שטעלט איין דאס געלט מיט'ן אויפריכטיגן חשבון אז עס איז פאראן שאנסן אז דאס וועט מצליח זיין בס"ד און מען וועט פארדינען געלט, און עס איז אויך פאראן שאנסן אז עס וועט זיך נישט אויסארבעטן ווי געפלאנט און מען וועט פארלירן געלט. ווי גרעסער די מעגליכע רווחים, אלס א גרעסערע ריסק דארף מען נעמען.

נאך א חילוק: א "סעיווינגס" איז געווענליך גאראנטירטע געלטער. די געלט וואס איר האלט אין באנק איז גאראנטירט ביי די רעגירונג, אז אפילו די באנק גייט קראכן, וועט איר צוריק באקומען אייער געלט. די זעלבע איז מיט א לייף-אינשורענס-פאליסי. רוב נארמאלע אינשורענס-פירמעס זענען רעגולירט דורך די פעדעראלע רעגירונג, און האבן געוויסע רעגירונג גאראנטיעס, וואס פארזיכערט אז איר וועט באקומען דאס געלט וואס איר האט אריינגעלייגט.

אן "אינוועסמענט" איז נישט גאראנטירט ביי קיינעם. איר גייט אריין אין יעדע אינוועסמענט אויף אייער אייגענע אחריות. איר דארפט באשליסן צו איר געטרויעט דעם אינוועסטירער\בראוקער\פירמע אין וואס איר אינוועסטירט; אויסארבעטן א פעסטע קאנטראקט וואס זאל פארזיכערן אייערע רעכטן\רווחים. אויב האט אייך יענער אויסגעשפילט, און איר האט נישט די לעגאלע פאפירן עס אויפצואווייזן, קענט איר נישט האבן קיין טענות צו קיינעם.

Triangle™
THIRD PARTY ADVISORY

/ Life insurance
/ Investments
/ Agreements
/ Real estate
/ Contracts
/ Etc.

אפלערנען די קליינע ווערטער און פארמיידן גרויסע טעות'ים

/KNOWLEDGE IS PROFIT
GET BOTH AT TRIANGLE/

T/1.855.399.2223
E/info@thirdpartyadvice.com
W/www.thirdpartyadvice.com